פרשת ויצא תשפ"ג
גליון 51

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ה' לסדר כי תבוא לאומאן, י"ט אלול, שנת תשע"ט לפרט קטן

*... חמי', תלמידה בית פיגא ברסלב, ליבערטי ניו יארק.*

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דיין לערערין געבט מיר איבער כסדר גוטע גריסן פון דיר, ווי שיין דו פירסט זיך אויף, אז דו ביסט א מיידל מיט דרך ארץ; דאס מאכט מיר זייער פרייליך ווייל איך וויל אויפשטעלן תלמידות וואס פירן זיך ווי דער רבי האט געוואלט, און ביים רבי'ן איז געווען דרך ארץ א יסוד. דער הייליגער רבי האט געזאגט: "ווען קיסרין און קעניגן וואלטן געוויסט וואס פאר א דרך ארץ איך לערן מיט מיינע מענטשן, וואלטן זיי געשיקט זייערע קינדער לערנען צו מיר".

איך פריי זיך זייער צו הערן אז דו האסט געענדיגט דעם דריטן מאל תהילים, דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן עג) אז ווען מען זאגט תהילים ברענגט עס אריין אינעם מענטש א בענקעניש צום אייבערשטן; דעריבער איז זייער גוט אז דו זאגסט תהילים יעדן טאג.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן א גוט געבענטשט יאר.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

## חלק ה'



נָאךְ דֶעם הָאט דִי מַלְכָּה אַ קוּק גֶעטָאן אוּן הָאט גֶעזֶען אֵיינֶער לִיגְט אִין אַ וִוינְקֶעלֶע הָאט זִי אִים דֶערְקֶענְט, אִיז זִי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער שְׁטוּל אוּן אִיז צוּ אִים גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִים אָנְגֶערִירְט, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט קָאנְסְטוּ מִיךְ? הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְפֶערְט יָא. אִיךְ קֶען דִיךְ דוּ בִּיסְט דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס אִיז פַארפַאלְן גֶעוָוארְן. הָאט עֶר זִי גֶעפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי אִים גֶעעֶנְפֶערְט וַוייל דֶעם טַאטְן הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דָאס וָוארְט (הַיְינוּ אַז דֶער נִישְׁט גוּטֶער זָאל דִיךְ נֶעמֶען) אוּן דָא אִיז דָאס אָרְט וָואס אִיז נִישְׁט גוּט. הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר פָאטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר. אוּן עֶר זוּכְט זִי כַּמָה וְכַמָּה שָׁנִים.



אוּן ער הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען? הָאט זִי אִים גֶעעֶנְפֶערְט. דוּ קָאנְסְט מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען. סַיידְן אַז דוּ זָאלְסְט דִיר אוֹיסקְלוֹיבְּן אַן אָרְט אוּן זָאלְסְט דָארְט זִיצְן אֵיין יָאר. אוּן אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען נָאךְ מִיר זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט זָאלְסְטוּ רַק בֶּענְקֶען אוּן וֶועלְן אוּן הָאפְן מִיךְ אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען. אוּן זָאלְסְט פַאסְטְן. אוּן אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג פוּן דֶעם יָאר זָאלְסְטוּ פַאסְטְן אוּן נִיט שְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצִין מֵעֵת לְעֵת, אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

**פארזעצונג קומט אי"ה**

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### אסתי קליין דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך וויל האבן נייע שיינע וואכנדיגע שיך, און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב ב"ה באקומען נייע שיך!

### לאה גיטל נייששטיין דערציילט:

איין טאג בין איך ארויסגעגאנגען שפעט פון מיין הויז, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל אנקומען אין סקול נאך פאר עס ענדיגט זיך די צייט פון פרישטאג און איך זאל קענען עסן פרישטאג רואיגערהייט פאר איך גיי אריין אין קלאס, און ש'כח אייבערשטער איך בין אנגעקומען צייטליך!

### גיטי אפפעל דערציילט:

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל שוין זיין נאך כלות אין סקול, און ב"ה די וואך איז נאך א מיידל געווארן א כלה! ש'כח אייבערשטער! מזל טוב צו מרים עלקי אביש!

# בית פיגא קאך

## Chocolate Cake

**Ingredients:**

4 Eggs
2 cups Sugar
1 cup Oil
1 tsp. Vanilla Sugar
1 tsp. Baking Powder
1 tsp Baking Soda
2 cups Flour
¾ cup water
½ cup  Orange juice
2 tbsp Cocoa (more= optional)

**Directions:**

Mix in a 9x13. Bake on 350 for 45 minutes - 1 hour

*געדענק צו בעטן דער אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען גוט!*



# נייעס אין בית פיגא

**מיט גרויס פרייד גרייטן זיך די מיידלעך אין בית פיגא צו א הערליכע שבת התוועדות קומענדיגע וואך אין שטעטל, ווי מען וועט זיך צאמקומען אויף א שבת אינאיינעם מיט מרת לעזער. די מיידלעך פון וויליאמסבורג סקול, שטעטל סקול, און מאנרא וועלן זיך צוזאמטרעפן און פארברענגען געשמאק א גאנץ שבת.**

**קרית ברסלב ליבערטי סקול -** מזל טוב! אלע מיידלעך אין סקול זענען אזוי פריילך אז מרים עלקי אביש איז געווארן א כלה די וואך!

**וויליאמסבורג סקול -** די וואך האבן די מיידלעך פון די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג סקול געלערנט עצתו אמונה. זיי האבן געליינט א בריוו ווי די ראש ישיבה שרייבט אז רוב שמחות זענען אן שמחה פון די פיל חובות וואס די עלטערן האבן צוליב די טייערע צירונגען, זאל, און קליידער וואס מען דארף קויפן.



זענען די מיידלעך געגאנגען צו צוויי צירונג געשעפט זיך אליין צו איבערצייגן און זען אז מען זעט קוים א חילוק צווישן א רינגל וואס קאסט $90 און א רינגל וואס קאסט $2000! אזוי וועלן זיי זיך קענען עכט פרייען מיט זייער <u>חתן</u> און די עלטערן וועלן זיין בשמחה ביי די שמחה.

**וועלכע ווערטער שטייט דא געשריבן?**

**ענטפער פון לעצטע וואך:**
**אמונה, פייגא, מצוה**



## מזל טוב!

**מרים עלקי אביש**

**זי איז געווארן א כלה!**

## מזל טוב!

**רחל און אדי וועבערמאן**

**זייער ברודער איז געווארן א חתן!**